**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סיטי סאָבוועי ברעכט רעקארד צאל רייזנדע אום דעצעמבער 8**

***סאָבוועי קומט אן צו 3.93 מיליאן פאסאנזשירן אין איין איינציגע טאג צום ערשטן מאל זינט מערץ 2020***

***OMNY ברעכט רעקארד צאל פון וויפיל מאל עס איז גענוצט געווארן אויפן סאָבוועי אין איין טאג צוויי טעג אין א ציה, מיט מער פון 1.5 מיליאן 'טעפּס' יעדע פון די טעג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט געבראכן די רעקארד פון די צאל פאסאנזשירן אין די תקופה פון די פאנדעמיע נעכטן, דאנערשטאג, דעצעמבער 8, מיט 3,925,280 פאסאנזשירן, איבערשטייגנדיג די פאריגע רעקארד וואס איז געשטעלט געווארן דאנערשטאג, אקטאבער 27. די לעצטע מאל ווען די סאָבוועיס האבן געפירט מער פון 3.9 מיליאן פאסאנזשירן איז געווען מערץ 12, 2020.

OMNY האט אויך געבראכן זייער רעקארד פון וויפיל מאל די סערוויס איז גענוצט געווארן אין איין טאג אויף די סאָבוועיס פאר צוויי טעג אין א ציה, מיט 1,514,837 'טעפּס' אום מיטוואך, דעצעמבער 7, און 1,561,846 'טעפּס' אום דאנערשטאג, דעצעמבער 8. די רעקארדס שטייגן איבער די פאריגע רעקארדס וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן אקטאבער 27.

"די רעקארד צאל פאסאנזשירן איז א באווייז אז אונזער ערהוילונג איז אויפן ריכטיגן וועג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אפגעזעהן פון אויב עס איז טוריסטן וואס קומען צוריק קיין ניו יארק אדער לאקאלע איינוואוינער וועלכע גייען ארויס צו הנאה האבן פון האלידעי אטראקציעס — די ענעריגע און לעבעדיגקייט פון די סיטי, העכער און אונטער די ערד, איז צוריק דא."

**MTA טשעירמאן און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "ניו יארקער זענען פאר צוריקצוקומען צו די סאָבוועי. פארוואס ווייל עס איז די בעסטע וועג צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן – צו זייערע דזשאבס, העלט קעיר, טעאטער, מוזיק – אלעס וואס ניו יארק האט צו אפפערן. די ציפערן ווייזן אויף אלעס וואס איך זאג שוין פון לאנג איבער די נויט צו האלטן טראנספארטאציע פולשטענדיג אויסגעצאלט כדי סערוויס זאל קענען ווערן אנגעהאלטן און פארבעסערט אזוי ווי ניו יארק זעצט פאר צוריקצוקומען."

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט, ריטשארד דעיווי, האט געזאגט,** "NYC טראנזיט האט געארבעט שווער אהערצושטעלן דאס וואס די סאָבוועי פאסאנזשירן האבן געבעטן: שנעלערע, ריינערע און זיכערערע סערוויס. אזוי ווי פאסאנזשירן זעצן פאר זיך צוריקצוקערן צו טראנספארטאציע דעם האלידעי

סעזאן און אריין אין 2023, ווען די 47,000 מענער און פרויען וואס ארבעטן אין NYC טרענזיט זיין גרייט צו צושטעלן די בעסטע סערוויס וואס ניו יארקער ערווארטן."

דאס באנוץ מיט OMNY זעצט פאר צו וואקסן אריבער די גאנצע ניו יארק סיטי טראנספארטאציע סיסטעם. דערווייל צאלן בערך 40 פראצענט פון סאָבוועי פאסאנזשירן נוצנדיג OMNY. אום סעפטעמבער 15 האט די MTA רעקארדירט די 500 מיליאנסטע OMNY 'טעפּ' ביי גרענד צענטראל טערמינאל. נאכן ארויסקומען אין 2019 אין א פילאט פאזע פאר די פובליק, איז די אינסטאלאציע פון די קאנטאקטלאזע סיסטעם געענדיגט געווארן אין דעצעמבער 2020. אלע פון די MTA'ס 472 סאָבוועי סטאנציעס און אירע 5,800 באסעס זענען יעצט אויסגעשטאט מיט בערך 15,000 OMNY לייענער מאשינען.

די MTA האט [אנאנסירט] די פארברייטערונג פון OMNY צו פאסאנזשירן וועלכע באקומען דיסקאַונטס אין אקטאבער, ווערנדיג די ערשטע גרויסע טראנספארטאציע סיסטעם צו אפפערן פאר מענטשן וואס צאלן וויניגער צו קענען באצאלן מיט פערזענליכע טעלעפאנען. אין בלויז פיר טעג זענען איבער 1,300 פאסאנזשירן וועלכע צאלן וויניגער אריבערגעגאנגען פון MetroCard צו OMNY, ברענגנדיג די סך הכל צו כמעט 2,800 פאסאנזשירן וועלכע צאלן וויניגער און נוצן OMNY, אריינרעכענענדיג די וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די ערשטע ארויסגעגעבענע ווערסיע.

פאסאנזשירן וועלכע צאלן א נידעריגערע פרייזן קענען אריבערגיין פון MetroCard צו OMNY דורך די אינטערנעט גרינגערהייט מיט די OMNY דיגיטאלע אסיסטענט, אוועילעבעל 24/7 אויף [OMNY.info]. א ווידעאו מיט אנווייזונגען פאר פאסאנזשירן וועלכע ווילן אריבערגיין צו OMNY קען געזעהן ווערן [דא].

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418